**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט פארענדיגונג די איבערגאנג HEALTHALLIANCE שפיטאל איבערטויש צו פארבעסערן העלט קעיר סערוויסעס אין אולסטער קאונטי

### *ניו יארק סטעיט קעפיטעל איבערבוי שטיצע פראגראם האט געשאנקן $88.8 מיליאן צו טראנספארמירן HealthAlliance שפיטאל אין קינגסטאן*

### *פארברייטערונג פראיעקט שפיגלט אפ ניו יארק סטעיט און WMCHealth אינוועסטירונגען אין אולסטער קאונטי העלט קעיר*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון אן איבערגאנג טראנספארמירונג פון די HealthAlliance שפיטאל אין קינגסטאן. געצאלט מיט $88.8 מיליאן דורך די סטעיט קעפיטעל איבערבוי שטיצע פראגראם, נעמט וועסטשעסטער מעדיקעל סענטער העלט נעטווארק'ס פראיעקט איבער טראנספארמירן דעם שפיטאל אריין א נייע צוויי-שטאקיגע 79,000-סקווער-פיסיגע געביידע און א פולע איבערבוי פון די יעצטיגע 48,000-סקווער-פיסיגע שפיטאל.

"דאס געזונט פון יעדער ניו יארקער ווענדט זיך איוף א שטארקע, סטאבילע און גלייכבארעכטיגטע העלט קעיר סיסטעם, און דאס נעמט אריין אינוועסטירן אין מאדערנע מעדיצינישע פאסיליטעטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט שטיצע פון אונזער סטעיט'ס קעפיטעל איופבוי שטיצע פראגראם, וועט די פריש איבערגעבויטע HealthAlliance שפיטאל פארמערן צוטריט און וויכטיגע העלט קעיר סערוויסעס פאר איינוואוינער פון די קינגסטאן געגנט. מיר וועלן ווייטער פארזיכערן אז ניו יארקער באקומען די הויכע קוואליטעט העלט קער וואס עס קומט זיי, און מיר בלייבן איבערגעגעבן צו אויפבויען די העלט קעיר עקאנאמי פונעם צוקונפט."

"עס קומט זיך פאר אונזערע דאקטוירים, נורסעס און העלט קעיר פראפעסיאנאלן מאדערנע טעכנאלאגיע צו סערווירן זייערע קאמיוניטיס," **האט ליוטענענט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא געזאגט.** "די פראיעקט איז אן אינוועסטירונג וואס וועט פארזעצן צו סערווירן די מענטשן פון די האדסאן וואלי פאר קומענדיגע יארן."

אין צוגאב צו די נייע 79,000 סקווער-פיסיגע אפטיילונג, האט HealthAlliance שפיטאל אויך צוגעלייגט א 25,000-סקווער-פיסיגע עמערדזשענסי קעיר סענטער, א מאדערנע פאמיליע געבורט סענטער, און א נייע אינטענסיווע קעיר יוניט אויסשטאפירט מיט די נייעסטע מעדיצינישע טעכנאלאגיע, וועלכע איז צוגעשטעלט געווארן אלס טייל פון [WMCHealth's שותפות מיט Philips] די איבערגעבויטע פאסיליטעט וועט אויך סערווירן די קאמיוניטי מיט עמערדזשענסי און פארמיידנדע לעזונגען פאר פארשטאפטע ארטעריעס, נישט געוועגליכע הארץ קלאפן און קאראנערי הארץ קראנקהייט אין א נייע, פארגעשריטענע סערוויס קארדיאק קאטעטעריזאציע לאבראטאריע.

די שפיטאל פארברייטערונג און איבערבוי און פארבעסערונג איז ארויסגעקומען פון די צוויי-שריטיגע, אולסטער קאונטי העלט קעיר פארגעשריטנקייט פלאן אנגעפירט דורך די WMCHealth אינאיינעם מיט די סטעיט. די ציל פון די פארגעשריטנקייט פלאן איז צו צאמלייגן די אפעראציעס פון די צוויי HealthAlliance שפיטעלער אין קינגסטאן.

מערסטנס פון די שטיצע פאר די פראיעקט איז געקומען פון די קעפיטעל אויפבוי שטיצע פראגראם, וועלכע ווערט געגעבן אינאיינעם דורך די סטעיט דעפארטמענט אוו העלט און די סטעיט דארמיטארי אוטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק (Dormitory Authority of the State of New York). די פראגראם געבט געלט פאר קעפיטעל פראיעקטן וועלכע וועלן פארבעסערן די קוואליטעט, פינאנציעלע מעגליכקייט און פלייסיגקייט פון די העלט קעיר דעליווערי סיסטעם אין ניו יארק דורך העלפן פאסיליטעטן פארבעסערן פאציענט-געווידמעטע קעיר.

**סטעיט העלט קאמישאנער דר. מערי ט. באסעט האט געזאגט,** "די עפענונג פון די נייע HealthAlliance שפיטאל אין וועסטשעסטער ציינט די וויכטיגקייט פון די סטעיט-געשטיצטע איינוועסטירונג אין העלט קעיר סעטינגס און סערוויסעס אין די קאמיוניטי. איך בארים אלעמען אין די סטעיט און WMCHealth פארמישט אין פארבעסערן די שפיטאל'ס טעכנאלאגיע, מעגליכקייטן, און עמערדזשענסי און פארמיידנדע לעזונגען וואס וועט דירעקט פארבעסערן די קעיר אוועילעבל פאר איינוואוינער און פאציענטן."

**WMCHealth פרעזידענט און הויפט עקסעקיוטיוו באאמטער מייקעל ד. איזרעל האט געזאגט,** "מיר זענען זייער שטאלץ צו ארויסברענגען די פארגעשריטענע נייע שפיטאל, ערפולנדיג אונזער לאנג-טערמיניגע צוזאג צו פארבעסערן די קוואליטעט פון קעיר פאר איינוואוינער אין די האדסאן וואלי. איך וויל באדאנקען ניו יארק סטעיט פאר זייער אויסערגעווענליכע שטיצע און העלפן אנפירן א וויכטיגע אינוועסטירונג אין די געזונט פון אונזער קאמיוניטי, אין די צייט וואס מיר פארברייטערן אונזער צוזאג צו צושטעלן די העכסטע שטאפל קעיר פאר פאציענטן איבער אונזער גאנצע נעטווארק, לאקאל און נאנט צום היים."

**פארשטייער פעט רייען האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר'ן קאמיוניטי די בעסטע העלט אויפבוי, און די אינוועסטירונגען איז א גרויסע טריט אין די ריכטיגע ריכטונג. איך וויל באדאנקען די פירערס פון די HealthAlliance שפיטאל, אלע די דאקטוירים און נורסעס, און אלע וואס העלפן בויען די ערליכע פאסיליטעט. איך קוק ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט זיי צו מאכן זיכער אז אלע אין די האדסאן וואלי האבן צוטריט צו קוואליטעט, צוגענגליכע, און פארמעגליכע העלט קעיר."

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "עס זאל נישט זיין קיין שטרויכלונגען ווען עס קומט צו האבן צוטריט צו קוואליטעט, נאנטע, פארגעשריטענע העלט קעיר פאר האדסאן וואלי איינוואוינער, און די באדייטנדע פארברייטערונג פון קינגסטאן HealthAlliance שפיטאל ברענגט אונז נענטער צו די בליק וואס מיר אלע האבן פאר העלט גלייכבארעכטיגקייט. דאס פארלוסט פון העלט קעיר סערוויסעס איבער אפסטעיט ניו יארק איז א פראבלעם וואס פאדערט שריט, און איך דאנק די WMCHealth און גאווערנער האקול פאר איבערקערן די מאמענט צו א געלעגנהייט צו ברענגען מער העלט קעיר, נייע סערוויסעס, און פארגעשריטענע מעדיצינישע טעכנאלאגיעס צו אולסטער קאונטי דורך די איבערראשנדע שפיטאל פארברייטערונג."

**אסעמבלימעמבער קעווין קאהיל האט געזאגט,** "היינט איז די הויכפונקט פון צוויי דורות, איבער 20 יאר, פון אונזער קאמיוניטי צוזאג צום פארגעשריטענקייט פון העלט קעיר אין די מיטל האדסאן וואלי. כאטש די שיינעדיגע נייע פאסיליטעט איז מעכטיג, איז עס בלויז אן אפשפיגלונג פון די געטריישאפט פון אונזער העלט קעיר דעליווערי קאמיוניטי. גאווערנער האקול, מיטארבעטער אין די סטעיט לעגיסלאטור

און פארשידענע לאקאלע באאמטע האבן געארבעט מיט ארטיגע פירערס און העלט קעיר פראפעסיאנאלן עס צו מאכן פאסירן. אין נאמען פון א דאנקבארע קאמיוניטי, א דאנק."

**עקטינג אולסטער עקזעקיוטיוו דזשאהאנא קאנטערעראס האט געזאגט,** "אין נאמען פון אולסטער קאונטי, וויל איך באדאנקען WMCHealth און HealthAlliance פאר זייער $113 מיליאן אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי. די HealthAlliance שפיטאל פארברייטערונג אין קינגסטאן וועט פארבעסערן לאקאלע צוטריט צו הויכע-קוואליטעט מעדיצינישע קעיר פאר אונזער איינוואוינער און באזוכער. מיר האלטן טייער זייער איבערגעגעבנקייט אויף טראנספארמירן פאציענט קעיר אין די ראיאן מיט א פארגעשריטענע, באקוועמע ענווייראנמענט פאר פאציענטן."

**קינגסטאן מעיאר סטיוו נאבל האט געזאגט,** "מיט די אינוועסטירונג פון איבער $100 מיליאן אין צוגענגליכע העלט קעיר גלייך דא אינעם הארץ פון אונזער סיטי, ווערן די געברויכן פון אונזער וואקסנדע קאמיוניטי געזען און נאכגעקומען. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, WMC Health, און אונזער קאמיוניטי, פאר שטיין הינטער די אינוועסטירונג אין לאקאלע העלט קעיר און אינעם זעלבן צייט פארזיכערן דאס טוישן צו ווייטער נוצן די געוועזענע קינגסטאן שפיטאל קאמפוס אויף בראודוועי. מיין ראלע אלס מעיאר איז צו מאכן זיכער אז מיינע איינוואוינער האבן די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו לעבן א בליענדע, געזונטע לעבן און דאס איז נישט מעגליך אן א גוט-באצאלטע, גוטע-שטאב שפיטאל סיסטעם. איך קוק ארויס פאר'ן עפענונג פון די נעקסטע קאפיטל פון העלט קעיר דא אין קינגסטאן און וויל באדאנקען אלע די געטרייע העלט קעיר ארבעטער וועלכע סערווירן אונזער איינוואוינער יעדן איינציגסטן טאג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418